# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון ג׳

## וישמחו כי ישתוקו

כ'וויל דא מיטטיילן א מעשה, וואס האט פאסירט אין שיכון סקווירא בשנת תשס"ח.

א אינגערמאן פון דער פרעמד פלעגט קומען קיין סקווירא אויף שבת, און ער איז געשטאנען נעבן מיר ביים דאווענען. ווי עס זעט אויס, האט ער נישט גענוג פארשטאנען דעם חומר הענין פון נישט רעדן ביים דאווענען, און דאס האט מיר זייער שטארק געשטערט. איך פלעג אים כסדר מעורר זיין דערויף, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. דאס געשמאק פון שמועסן בשעת'ן דאווענען איז, זעט אויס, געווען שטארקער פון אלע מיינע געבעטן און אויפקלערונגען.

עס האט מיר נאך מער געשטערט וואס רוב פון די שמועסעריין זענען געווען וועגן וואכעדיגע זאכן. ער פלעגט קומען גאנץ אפט און יעדעס מאל פלעגט ער איבערדערציילן נאכאמאל די זעלבע ענייני חול. דער גאנצער עולם איז געשטאנען און געדאווענט. מ'האט שוין געהאלטן אינמיטן "שוכן עד," און דא האט מען געהערט א שמועס וועגן געלט, דזשאבס אא"וו. עס האט מיך ממש געאיבלט, אבער איך האב באשלאסן מקיים צו זיין, "כשם שמצוה וכו' כך מצוה שלא לומר דבר שלא נשמע" און אויפגעהערט אים מעורר זיין דערויף.

אזוי האט עס אנגעהאלטן ביז עס איז אנגעקומען שמחת תורה פון תשס"ח. פונקט דעמאלט בין איך געשטאנען לעבן אחד מחשובי אנשי שלומינו בבארא פארק. האט ער מיר דערציילט (ניין, נישט אינמיטן דאווענען)! אז דעם פארגאנגענעם שבת שובה האט הרה"ג הרב אברהם שפיטצער שליט"א, דומ"ץ סקווירא בלעיקוואוד, געהאלטן א דרשה וועגן דער הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען, און אינמיטן דער דרשה האט ער זיך אנגערופן און געזאגט: "איך בין מבטיח אז דער וואס וועט נישט רעדן ביים דאווענען פון אדון עולם ביז אדון עולם, וועט אים דאס יאר נישט פעלן קיין געלט אין זיין אקאונט, און טאמער איינער וועט זען סוף יאר אז עס פעלט אים, וועל איך אים דאס משלים זיין"!

די ווערטער האבן פארשטייט זיך שטארק עושה רושם געווען אויף מיר, און איך האב געטראכט אז אפשר וועט עס מיר גוט צונוץ קומען משפיע צו זיין אויף דעם אינגערמאן. נאך שמחת תורה, ווען דער אינגערמאן איז ווידער געקומען צוגאסט אויף שבת, האב איך געטראכט אז כ'וועל אים איבערזאגן די ווערטער פונעם לעיקוואודער דיין, כאטש איך בין געווען מסופק אויב ס'וועט אויפטון. האב איך אים געזאגט, "דו רעדסט דאך זיך אזוי סאך אפ אויף דיין בעה"ב, וועגן דעם דזשאב און דעם געהאלט וואס ער צאלט דיר - אפשר אז דו וועסט זיך אונטערנעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען, וועסטו אויך געהאלפן ווערן, כאטש דו וואוינסט נישט אין לעיקוואוד".

און ניין, כ'האב זיך נישט טועה געווען. מיינע ווערטער האבן ווייטער גארנישט געהאלפן. די שמועסן ביים דאווענען האבן ווייטער אנגעהאלטן כימי עולם. עס זענען אדורך א פאר וואכן וואס דער אינגערמאן איז נישט אנגעקומען, און איך האב זיך מחי' געווען. דאן, איין וואך, זע איך אז ער איז דא. איך האב שוין געוואוסט אז עס קומט א "געשמאקער" שמועס ביים דאווענען. אבער צו מיין שטוינונג האט ער זיך געשטעלט לעבן מיין טיש, מיט אן אנשטעל כאילו ער האט מיט קיינעם גארנישט. איך האב געטראכט, אפשר פילט ער זיך פונקט נישט אזוי גוט, צי וואס, און אט באלד וועט ער שוין ווידער זיין דער ראש המדברים. אבער, ניין. עס איז דורך א דאווענען פון 3 שעה, און במשך פון דער גאנצער צייט, פון אדון עולם ביז אדון עולם, האט דער אינגערמאן נישט גערעדט קיין ווארט, אפילו נישט ביי די פלעצער וואו מ'מעג להלכה רעדן.

וואס איז געשען? האב איך געטראכט. דאס רעדל האט זיך איבערגעדרייט! עס האלט שוין ביי דעם אז איך דארף זיך גאר אפלערנען פון אים ווי אזוי צו דאווענען. גלייך נאך קדיש נאך "אנעים זמירות" (ס'איז געווען שבת בייטאג), האט ער זיך געגעבן א טו אן דעם שטריימל און א דריי אויס צו מיר מיט א שמייכלדיגן "גוט שבת"! און געזאגט אז ער מוז מיר עפעס דערציילן.

נו, אדרבה! האב איך אים געזאגט. כ'וואונדער זיך פארוואס דו רעדסט מער נישט ביים דאווענען. האט ער מיר גענומען דערציילן אזא מעשה: "יענעם שבת", האט ער דערציילט, "וואס דו האסט מיר דערציילט די מעשה מיט דער דרשה פונעם דיין אין לעיקוואוד, האט עס בשעת מעשה נישט געמאכט אויף מיר קיין שום איינדרוק און עס האט גארנישט אויפגעטון. אבער גלייך נאכ'ן דאווענען האב איך געטראכט, אז דו האסט דאך געזאגט עפעס ווערטער. איך מוטשע זיך דאך מיט מיין דזשאב. איך מאך נישט גענוג געלט. איך וואלט געטון אסאך שווערערע זאכן אין מיין לעבן מצליח צו זיין מער. איז אפשר לאמיך טאקע פרובירן - זיך אונטערנעמען מיט א פעסטער החלטה נישט צו רעדן ביים דאווענען, און בזכות זה וועל איך האבן מער הצלחה.

איך האב זיך דאס טאקע אונטערגענומען. מיינע שכנים אין דעם בית-המדרש וואו איך

דאווען האבן נישט געוואוסט וואס עס איז פלוצלינג געשען מיט מיר, אבער עס איז מיר גארנישט אנגעגאגען. עס זענען אדורך דריי שבתים, און נאכ'ן דריטן שבת, רופט מיר צו מיין בעה"ב און זאגט מיר אז ער וויל עפעס רעדן מיט מיר. איך בין צוגעגאנגען צו אים, האט ער מיר געזאגט אז ער האט געטראכט, אז עס איז שוין א פאר יאר וואס איך ארבעט פאר אים, און ער האט מיר נאך קיינמאל נישט געהעכערט מיין געהאלט, האט ער באשלאסן אז פון היינט און ווייטער וועט ער מיר העכערן און צאלן א היפש ביסל מער ווי ביז איצט.

איך האב זיך געפריידט און אים שטארק באדאנקט. עס איז אדורך א שטיק צייט, און מיין בעה"ב איז ווידער צוגעקומען צו מיר און געזאגט אז עס זענען אונטערגעקומען שווערע צייטן און ס'איז מער נישטא גענוג ארבעט, און בלית ברירה, מוז ער מיך אפזאגן פון דעם דזשאב. ער האט מיך פארשיקט, און קנאפע צוויי חדשים בין איך געווען אן א דזשאב.

איין טאג האב איך באקומען א טעלעפאן-רוף פון א קאמפאני, וואס האט מיר פארגעשלאגן אן ארבעטס-שטעלע, און איך האב עס גלייך אנגענומען. איך די לעצטע 2-3 וואכן ארבעט איך דארט, און איך באקום פאר מיין ארבעט כמעט דאפלט ווי פאר דעם. איך בין אויך שטארק צופרידן אויף דעם דזשאב, וואו איך קען ב"ה ניצן מיינע טאלאנטן מער ווי פריער. אויך דארף מער נישט ארבעטן חול המועד, אזוי ווי ביים פריערדיגן דזשאב. נו, פרעגסטו מיר פארוואס איך רעד שוין נישט ביים דאווענען?

בהוקרה - :

(גליון הליכות החיים)

## הדרכה פונעם פוסק הדור

עס איז כדאי צו שרייבן וועגן זיין צוואה און דברי הדרכה פונעם פוסק הדור, הגה"צ רבי שמואל הלוי וואזנער בעל "שבט הלוי" זצ"ל, וואס ער האט איבערגעלאזט פאר אונזער דור.

הרה"ג ר' אשר לעמבערגער, דער מאקאווער רב שליט"א פון אלעד, האט מיר דערציילט אזוי: ביי אונז אין שטאט זענען ליידער היי-יאר פארגעקומען אסאך שווערע מאורעות, השם ירחם. האב איך געפרעגט פון הרב וואזנער זצ"ל, מען גייט דאך דורך אזויפיל צרות, ה"י, איז וואספארא גוטע זאך וואלט ער געהאלטן אז דער ציבור זאל זיך פארנעמען אלס א זכות און שמירה?

די תשובה פונעם פוסק הדור איז געווען אז מען זאל זיך פארנעמען די דריי זאכן, א) אינגעלייט זאלן מער אכטונג געבן זיך נישט מיטצוכאפן מיט קיין מנין, נאר דאווענען כסדר פון אנהייב ביז'ן סוף מיט מנין, ב) מען זאל אויסלערנען די קינדער וואס קענען נישט געהעריג אינזין האבן דאס גאנצע דאווענען אז זיי זאלן כאטש אינזין האבן ביי שמונה עשרה, און ג) מען זאל זען צו זיין מער נזהר בעניני הלכה.

רעדנדיג בענין תפלה, איז כדאי צו דערמאנען וואס דער גאון האט כמה פעמים געזאגט אז עס איז ביי אים ברור אז אויב מען וואלט אכטונג געגעבן נישט צו רעדן אין בית המדרש בשעת'ן דאווענען און לייענען, וואלט די ביטערע מחלה בטל געווארן.

דער רבוש"ע העלפן אז בזכות וואס מיר וועלן נזהר זיין אין דעם זאלן מיר זוכה זיין צו רפואות וישועות לנו ולכל ישראל.

ידידכם, אברהם ישעי' וואזנער,
מו"ץ בשיכון סקווירא

(גליון הליכות החיים)




פאר הערות אדער איבערצייגענד פערזענליכע סיפורים שיקט אן אימעיל צו: GilyonNakdishoch@gmail.com